בעזרת השם יתברך



# ביים שבת טיש

פרשת שופטים תשע"ה | גליון קכ"א | הרב לייביש ליש | בישיבת קארלין סטאלין

## רבי לייביש דערציילט

## "זכר צדיק לברכה"!!

### (געפילן איבערן הסתלקות לשמי מרום פון הרה"ק מטאהש זצוק"ל זי"ע ועכי"א)

לעכטיגע קינדערלעך!

'כלל ישראל' האט זיך אויפגעוועקט דעם דאנערשטאג פרשת ראה תשע"ה - 'יום כיפור קטן' מוקדם - צו א נייע וועלט...

**א וועלט 'אן' דער הייליגער טאהשער רבי זצוק"ל זי"ע**

אמת טאקע, די זון האט אויפגעשיינט, די וואלקענעס האבן ווייטער געשוועבט געמיטלעך אונטערן בלויען הימל... די פייגלעך האבן געקוויטשקעט, די קיעלעך האבן ווייטער געגעבן מילך... די גראסערי'ס האבן זיך געפענט, די קאר'ס און באסעס האבן אנגעפילט די הייוועי'ס און די ראוד'ס... אלעס פארט ווייטער אויף די געוועינדליכע שטייגער...

**אבער עס איז שוין מער נישט דער זעלבער וועלט...**

מיר געפונען זיך היינט אין אזא 'דור יתום', מיר זענען ליידער אין א מצב וואס מיר האבן אזוי ווייניג 'צדיקים' פון די פריעדיגע דור, נישט צו לאנג צוריק האבן זיך געפונען צווישן אונז אסאך פארצייטישע רבי'ס און צדיקים וואס האבן אריינגעשיינט מיט זייער 'קדושה' און 'עבודה' גלייך אריין אין די אויסגעטרוקענטע נשמות פון נאך די קריג און ווייטער... אט די גרויסע רבי'ס וואס האבן נאך זוכה געווען צו זעהן א לעכטיגע וועלט פון פארצייטענ'ס... זיי, וואס זיי זענען געווען דבוק אין די פריעדיגע צדיקים פון פאר דער קריג, זיי האט דער הייליגער באשעפער ברוב רחמיו וחסדיו געראטעוועט פון דער גרויזאמער רוצחישע הענט... און איבערגעלאזט פאר אונז 'גלות אמעריקא' אידן... זיי האבן צוריק אויפגעבויעט אידישקייט אויף דער וועלט אין אריינגעברענגט אזא לעכטיגע אור אין די טיפע חושך..

אבער... אבער... מיט די צייט האט דאס אויך אנגעהויבן ווערן ווייניגער און ווייניגער, יעדער שטיק צייט האבן מיר פארלוירן נאך א צדיק, נאך א רבי, נאך א גדול, נאך א רב... די קשר צו 'אמאל' האט אנגעהויבן ווערן שוואכער און שוואכער....

ליידער ליידער אין די לעצטע יארן געפונען מיר זיך אין איינע פון די שווערסטע תקופות פו אונזער פאלק, די תקופה פון די 'אייפאונס' מיט די 'סושי'... בחורים און יונגעלייט דרייען זיך ארום אזוי צומישט און פארלוירן, מען איז פארבלאנדזעשט און צוטומעלט... ס'איז ליידער אזא הסתר-פנים... מען איז אזוי ווייט פון די אמאליגע חסידישע לעבנ'ס שטייגער... און וואס א טאג עס גייט אדורך ווערן מיר אלץ ווייטער און ווייטער...

און אינמיטן דער חושך כפול ומכופל, אינמיטן די פינסטערניש פונעם גלות, האט אין די ווייטע קאנאדע, אין די שטילע געסעלעך פון א קליין שטעטעלע אינדרויסן פון די רוישיגע שטאט, געלאכטן א שיין... די ליכטיגע שטראלן פון דעם 'אור שבעת הימים'... דער גלאנץ פון די אמאליגע שטעטלעך וואס אלעס דרייט זיך ארום דעם צדיק... און כלל ישראל האט עס טאקע אויסגענוצט... יעדע וואך זענען געווען נסיעות צום רבי'ן! נסיעות קיין טאהש!! אידן בעלי בתים האבן זיך ארויסגעלאזט אין די מאסן, און גערייזט די לאנגע וועגן אויף



ישר גראפיקס 347.528.6918

שבתים און יומא דפגרא'ס... בחורים און יונגעלייט זענען געגאנגען שעפן קדושה און יראת שמים... טאטעס האבן געברענגט די קינדער און געוויזן אויפן רבי'ן: זעהסט?! אזוי האבן אויסגעקוקט די אמאליגע צדיקים...

**אַהההה... וְעַתָּה חָסַרְנוּ כָּל אֵלֶּה... דער הייליגער צדיק "אֲשֶׁר אָמַרְנוּ בְּצִלּוֹ נִחְיֶה בַגּוֹיִם"... דער טאהש'ער רבי זי"ע וואס מיט זיין הייליגע קדושה האט ער מגין געווען אויף די גאנצע וועלט... דער ג-טליכע צדיק וואס מיר זענען געווען זיכער אז ער וועט אונז פירן אקעגען 'משיח צדקינו'... איז שוין אויך צוגענומען געווארן פון אונז...**

**ואנא אנו באים?!! וואס וועט זיין מיט אונז?!! ווערמען וועלן מיר ווייזן פאר אונזערע קינדער?!!**

**איי געוואלד !!!!**

ווער עס האט זוכה געווען בלויז צו כאפן א בליק אויף זיין הייליגע צורה, האט שוין געשפירט נענטער צום אייבערשטען... ווער רעדט נאך אויב מען האט צוגעקוקט זיין הייליגע עבודה... זיין פייערדיגע דאווענע'ס... זיינע זיסע תהלים-זאגן מיט אזויפיל הארץ און געגועים... מען האט געקענט אויסגיין פון 'מתיקות' שטייענדיג אין זיינע הייליגע ד' אמות און זיך צו הערנדיג צו דעם הייליגן זיסן קול....

**ווער עס נאר געהערט ווי דער הייליגער רבי שרייט אויס שבת אינדערפריה ביים סוף פון 'קל אדון': איי שבח נותנים לו כל צבא מרום... און די "לקל אשר שבת" נאכדעם... אזויווי לעבעדיגע באמבעס וואס ווערן געשאסן און אויפגעריסן... א פלאם-פייער וואס האט אנגעפלאקערט גאנץ קאנאדע...**

ווער עס האט נאר אמאל בייגעוואוינט א 'טיש' בשעת דער הייליגער רבי זיצט אינגאנצן 'בבגדי לבן' ווי דער 'כהן גדול' אויף 'יום כיפור', זיין צורה שטראלט ווי א 'מלאך אלקים' און ער פירט דער געהויבענע 'טיש'... מען האט נישט געקענט זאַט ווערן פון קוקן... מען האט געפילט אזא סארט הערכערקייט... מען האט מרגיש געווען א נאנטקייט צום הייליגן באשעפער... מען האט געשפירט ווי אונזערע נשמות ווערט אויסגעוואשן...

ווער עס האט אמאל זוכה געווען אויסצושטרעקן זיין האנט און באקומען 'שיריים' וואס דער רבי האט געטיילט מיט זיין לעכטיגע שמייכל, פאר 'יעדען איינעם' פון 'יעדע מאכל' און געטיילט נאך, און נאך, און נאך... און נישט פארטיג געווארן... און פארשטייט זיך ווער עס האט געהאט די געוואלדיגע זכיה ארייינצוגיין אל הקודש און שטיין פנים-אל-פנים פארנט פונעם 'צדיק הדור' און מקבל זיין ברכת הקודש... מיט אזויפיל 'אהבת ישראל' אזויפיל ליבשאפט צו יעדע איינציגע קינד...

ועל כולם, ווער ער עס האט זוכה געווען אדורכצוגיין ביים זאגן 'גוט שַׁבָּת' ווען דער רבי'ס צורה האט געלאכטן ווי דער זון, און ער האט געווינטשען מיט אזא ליבשאפט פאר יעדען איינעם פון גרויס ביז קליין, אז אפילו ווען עס וואלט געווען א קורץ-שלוס אין 'טאהש' און געווארן שטאָק-טונקל, וואלט נאך די גאנצע 'בית מדרש' געשיינט פון אט דעם לעכטיגע צורה...

**איי איי איי... אוי אוי אוי... ווי נעמט מען די הייליגע לעכטיגע זיסע מינוטן?!!!**

**לעכטיגע נשמהלעך! איך האב אפילו נישט די הוצפה זיך איינצורעדן אז איך בין דער וואס האט די רעכט צו שרייבן וועגן די 'עבודת עבודה' פונעם 'צדיק אמת'... איך בין א פלעינע מענטש, מיט גאר פשוטע אויגן...**

**אבער איך וויל מיט אייך מיטטיילען איין קליינע נקודה וואס איך האב געהאט פארענדיג דאס ערשטע מאל קיין 'טאהש' אויף 'שבת קודש'... עס אזי טאקע בלויז א קליינע פאוינ"ט, אבער איך האב בשעת מעשה געהאט פון דעם א גרויסע תועלת, ווי אויך האב איך עס גענומען פאר א 'לימוד' פאר מיין גאנץ לעבן... און כסדר מאכט זיך, אז איך דערמאן איך מיך אט יענע ווערטער פון מיין חבר, און עס איז מיר א וועג-ווייזער פאר אסאך מאל ווען עס קומט מיר אונטער זאכן אין די זעלבע סארט מצב...**

געווען איז דאס דער ערשטע מאל - זייענדיג נאך א יונג בחור'ל - ווען איך האב זוכה געווען צו פארן אויף א 'שבת' קיין 'קרית טאהש', צו ווייל'ן במחיצתו פונעם גרויסן צדיק. פארשטייט זיך אליין אז איך בין געווען זייער עקסייטע"ד... איין קלייניקייט?! כ'האב זיך שוין אזויפיל צוזאמגעהערט וועגן די עבודה פון טאהשער רבין, פון די גאר געהויבענע שבתים, פון די לעכטיגע טישן, די פייערדיגע דאווענע'ס און אלעס ארום...

איך האב אלע יארן געהערט מעשיות פון "פארצייטישע חסידים" פון אלע דורות אנגעהויבן פון די צייטן פון דער הייליגער 'בעל שם טוב' הקדוש אן, ביז ממש לעצטענ'ס, וואס פלעגן פראווען א "נסיעה" צום רבין אויף א שבת קודש... מיר האבן אלע געוויסט צו פארציילן וועגן די הכנות צו אזא סארט נסיעה, און ווער רעדט נאך פון די נסיעה אליין... די פערד-און-וואגן.. די גרעניץ... און נאכדעם ווען מען האט נאר אנגעריירט די 'קלאמקע' פונעם צדיק'ס הויף...

און אט גיי איך האבן די זכיה דאס אליין מיט-צו-לעבן... א נסיעה צו א צדיק אמת! צו א צווייטע מדינה... מען דארף אדורכפארן א גרעניץ... מען גייט זיין דארט אויף שבת!! מען גייט מקבל זיין השפעות!! איי געוואלדיג!!

איך קען ענק נישט מסביר זיין וואס פאר א וואך איך האב דאמאלט געהאט... שוין פון 'מוצאי שבת' פריער האבן מיר געאטעמט 'טאהש'... מיר האבן זיך געגרייט מיט די גרעסטע הכנות... גלייך זונטאג אינדערפריה האבן מיר שוין גערופן לאנדא'ס באסעס צו באשטעלען א פלאץ (ר' מרדכי מאיר איז נאך געווען אויפן וועג אהיים פון די לעצטע שבת, און עס איז אים געווען העכסט אינטערסאנט צו הערן אז מען רופט שוין פאר קומענדיגע וואך שבת...)

מיר האבן געציילט די שעה'ן... די מינוט'ן... סעקונדעס... מען האט זיך געלייגט מיט 'טאהש', מען איז אויפגעשטאנען מיט 'טאהש'... מען האט געלערנט אין טאהש'ער רבינ'ס ספרים... אזוי א גאנצע וואך, ביז צו דאנערשטאג אווענט...

שוין, מען פאַקט זיך איין די בעקיטשע, די תפילין, א טעיפ רעקארדער מיט 'תורה טעיפס' (איי ווער געדענקט נאך יענע אמאליגע צייטן פון די טעיפ רעקארדעס...) א גמרא'לע (קיין 'גליונות' איז נאך דאמאלט נישט געווען...) און מען לאזט זיך ארויס צו די באס סטאפ...

איך בין ארויסגעשפרונגען פון די הויט... מיינע חושים זענען געווען 'שיכור'... יעדער סעקונדע וואס דער באס האט פארשפעטיגט האט אויסגעקוקט ווי א אייביקייט... מיינע פוס זענען טאקע געשטאנען נערוועזערהייט אויף די בארא-פארק'ער ערד, אבער מיין מח איז שוין געווען מיילן אוועק... ערגעץ דארט אין די פראסטיגע קאנאדע אין די הייליגע שטעטל 'קרית טאהש'...

פלוצלינג! אינמיטן די שטורימישע מינוט'ן, ווען איך שוועב אין די לופטן, קומט צו צו מיר, מיינ'ס א חבר, א יונגערמאן, רבי משה בצלאל שטיינמעץ שליט"א (היינט א חשובער 'מרביץ תורה' אין וויליאמסבורג) און צוזעהנדיג מיינע צולאזטע יונגע בחור'ישע עקסייטמענט, מיט דער גאנצע טראסק און הו הא... רופט ער מיך צו אין א זייט און ער זאגט מיך:

לייביש! הער מיך צו, דו גייסט זיך יעצט ארויסלאזן צו א לאנגע נסיעה... און אין אפאר שעה ארום וועסטו אנקומען קיין קרית טאהש... ווי נאר דו וועסט אריינפארן אין 'טאהש' וועלן דיינע אויגן פארבלענדעט ווערן... דו וועסט זעהן דארט ריזיגע בנינים אזוי הערליך מאיעסטעיטיש געבויעט... רחבות'דיגע געביידעס... גאנצע שטחים מיט הערליכע גרינע גראז... א ריזיגע מקוה מיט עטליכע בורות... מען ווען דיך דארט אויפנעמען מיט די שענסטע 'הכנסת אורחים'... עפעס וואס דו האסט נאך קיינמאל נישט געזעהן... (און ס'איז אמת...)

דו וועסט אריינקומען אין בית מדרש און זעהן דעם רבינ'ס בענקל... דריי שטאק הויך... און דו וועסט נישט פארטיג ווערן...

אין טאהש איז אלעס מלכות'דיג מיט א מורא'דיגע רחבות און ברייטקייט... דו וועסט זעהן די הויכע שיינע לייכטער'ס מיט צענדליגע לעכט... דו האסט נאך אין דיין לעבן נישט געזעהן אזויפיל זילבער אויף איין טיש וואו די קעניגליכע 'כלים' וואס מען דערלאנגט פארן הייליגען רבי'ן... אויפן טיש וועסטו זעהן ליגן ריזיגע חלות אזוי הויך ווי א מענטש...

די רחבות... די ברייטקייט... די מלכות... דו וועסט פארבלאנדזשעט ווערן פון קוקן אזויפיל...

פאר נטילת ידים ברענגט מען פארן רבין א גאנצע טייך... ס'גיסט זיך

וואסער... און אויפן פלאץ איז גרייט צענדליגע שפאגל ווייסע האנטוכער... די טאצן פאר די עסן... די בעכער'ס... די כלים...

**און ווער רעדט נאך פון די 'שיריים' הו הו...**

פאר א צדיק וואס עסט כמעט גארנישט, ברענגט מען אריין עסן אין א טאץ געגוג פאר פינף טויזנט מענטשן... גאנצע בהמות לייגט מען ארויף אויפן טיש... ריזיגע טאצן קוגל... א גאנצע וויינגאָרטען פאר די טרויבן נאכן טיש... דער רבי וועט טיילען און טיילען און דו וועסט נישט פארטיג ווערן פון באקומען נאך און נאך... (ביים מיטאג-טיש האט מען געקענט ארויסגיין זאַט פאר א וואך צייט, בלויז פון די שיריים וואס מען האט באקומען...)

און רבי משה בצלאל איז ממשיך: אפילו ווען דער הייליגער צדיק וועט אריינקומען שבת און דו וועסט זעהן זיינע הערליכע ווייסע בעקיטשעס מיט די גרויסע ווייסע גארטל און ווייסע קאפל... אדער אין די וואכן מיט די אנדערע געבלומטע בעקיטשס... וועלן זיך דיינע אויגן עפענען...

**א 'מלך ישראל' בתפארתו!! ובהיכלו כולו אומר כבוד!!**

דו וועסט ווערן פארגאפט... דו וועסט שטוינען... דיינע אויגן וועלן טומלען... דיי מויל וועט זיך עפענען... ס'וועט דיך רינען שפייעכטץ... דו וועסט זיין פאר'שיכור'ט... דו וועסט נישט זאט ווערן פון קוקן... דו וועסט פארבלענדעדט ווערן...

זאג איך דיך, לייביש: פאלג מיך!! פארקוק אויף אלעס!! ווער נישט נתפעל פון די גאנצע הו הא... איִגנאָ"ר דער גאנצע טאראראם מיט אלע אויג פארבלענדענישן... לאז נישט דיין מח ווערן דיִסטרעָקטעָ"ט דורך קוקן אויף די מלכות'דיגע פארנעם... נישט די זילבערנע כלים, נישט די בנינים, נישט די עסן...

**שטרייך אויס די גאנצע ארום, און קוק 'גלייך' אויף די 'נקודה'...**

**קוק בלויז אויפן 'צדיק' אליין!!! בלויז אויף זיין הייליגע 'עבודה'!!!**

**אויף זיין זיסע תהלים-זאגן... אויף זיין פייערדיגע דאווענען... קוק אויף זיינע הייליגע תנועות ווי ער ווארפט זיך ווען ער מאכט א ברכה... שטופ זיך צו הערן זיין הייליגע תורה... פארפאס נישט קיין איין ווארט וואס קומט ארויס פון זיין הייליגע מויל!!**

**לאז נישט די גאנצע ארום דיך פארפירן דיינע מחשבות... זיי דיך 'מרכז' בלויז אויף איין איינציגע זאך!**

**דער צדיק'ס עבודה!! און נאר דאס!!**

און איך האב אים געפאלגט!!

'מוצאי שבת קודש' נאכן זיך אנזאפן אזא פילע דערהויבענע זעקס-און-דרייסיג שעה... און נאכן זיך "געזעגענען"... האבן מיר זיך צוריק ארויפגעזעצט אויפן באס פארענדיג צוריק אהיים, אינמיטן וועג האב איך אויפגעכאפט עטליכע שמועסן פון 'בחורים' וואס האבן גערעדט צווישן זיך אויפן באס...

איינער האט גערעדט פון די בעקיטשעס... א צווייטע פון די בנינים... א דריטע פון די בהמה פלייש ביי שלש סעודות... א פערטע פון די זילבערנע כלים... זיי האבן געשמועסט אזוי זאפטיג מיט די הענט אין די פוס מיט אפענע מיילער און הויכע טענער...

בין איך צוגעגאנגען צו ר' משה בצלאל און איך האב אים געזאגט צוויי ווערטער: י י ש ר  כ ח !!

טייערע לעכטיגע קינדערלעך!!

**איך האב עס גענומען אויף א לימוד אין יעדע זאך אין 'עבודת השם'... פארקוקן אויף אלע היצוניות און זיך פארטיפן בלויז אין די פנימיות... (למשל מען קען זעהן מענטשן וואס פארן קיין 'מירון' אויף ל"ג בעומר און אנשטאט זיך אויסגיסן דאס הארץ און באנעצן א תהלים'ל און בעטן פאר ישועות, זיי זענען ביז"י רוב צייט מאכן פיקטשערס... איינער קען קומען צו א טיש פון א רבי און ארומקוקן איבעראל, נאר נישט אויפן רבין... און נאך אסאך משלים וואס איז יעצט נישט דאס פלאץ....)**

אבער ענק וויל איך עפעס אנדערש זאגן...

זיכער גייט ארויסקומען דעי וואך אן-א-שיעור 'ביילאגעס' מיט בילדער ביכלעך און אויסגאבעס פון טאהשער רבי זי"ע... מען וועט ענק וויזען וויאזוי עס האט אויסגעקוקט זיינע ימים טובים... (חנוכה, פורים, חול המועד פסח, סוכות,) מען וועט ברענגען בילדער פון די שמחות בבית צדיקים, זיינע באזוכענ'ס מיט אנדערע רבי'ס...

עטץ וועטס זעהן אזוינע מלכות'דיגע בילדער... עטץ וועט'ס שטוינען... עטץ וועט'ס פארגאפט ווערן... די אויגן וועלן זיך ענק עפענען... עס וועט זיך אויסשרייען פון זיך אליין: וואההההה!! מעכטיג! אזא מצב!!

**טייערע קינדערלעך!**

**דאס איז "נישט" טאהש!!**

**"טאהש" מיינט עבודת השם פיר-און-צוואנציג שעה נאן-סטאפ... "טאהש" מיינט לעכטיגע שבתים... "טאהש" מיינט אויסזאגן "תהלים" פאר אידן'ס וועגן איינמאל און נאכאמאל און נאכאמאל..."טאהש" מיינט "אהבת ישראל" פאר יעדע אידיש קינד... און בפרט פאר צובראכענע נשמות...**

**אמת טאקע עס איז אויך געווען דארט 'מלכות' מיט 'ברייטקייט'... אבער דאס איז נאר געווען צו צוהעלפן די עבודה פונעם הייליגען צדיק... אבער גארנישט מער פון דעם...**

(איך מיין נישט דא חלילה אוועק-צו-מאכן די מציאות פון זילבערנע כלים, אדער דאס ענין פון א רחבות'דיגע מלכות'דיגע פארנעם ביי א צדיק'ס טיש... חלילה! בפרט אז מיר ווייסן אז זענען געווען גרויסע צדיקים וואס האבן געהאט דערין א דרך אין עבודת השם... זאכן וואס אונזער פוצקעלע מוחות האבן נישט קיין השגה אין דעם... נאכמער:

דער גרויסער גאון רבי מאיר שלמה יאנאווסקי זצ"ל (זיידע פון דער לעצטער ליובאוויטשער רבין זי"ע) איז נאך זיין חתונה געווען א 'יושב' אין 'ליובאוויטש' ביים הייליגן רבי מהר"ש זי"ע פאר א תקופה פון בערך א יאר צייט, דארט האט ער זיך אנגעזאפט קדושה חסידות, מיטגעהאלטן די הייליגע עבודות פון דעם רבין, זיך געקאכט אין די טיפע מאמרים פון דא"ח און 'חסידות', און נישט פארפאסט קיין פארברענגען צווישן חסידים.

ווען ער איז אהיים געקומען פון ליובאוויטש, האט רבי מאיר שלמה זצ"ל פארברענגט מיט א קבוצה יונגעלייט, ווי ער האט זיי פארציילט וועגן דעם גרויסן רבי מהר"ש, ער האט געשילדערט פאר זיי זיינע הייליגע מנהגים, פארציילט איבער דער גאנצע הלוך-ילך ווי עס גייט צו אין די 'הויף' פון 'ליובאוויטש'... צווישן זיינער ווערטער האט ער אויך פארציילט אז די רבי מהר"ש זי"ע פירט זיך מיט א מורא'דיגע ברייטקייט און מיט גרויס רחבות און עשירות... ער האט אויס גע'משל'ט פאר זיי די ברייטע מלכות'דיג מצב וואס גייט צו דארט ביים רבין... די גאלדענע כלים, א גאלדענע טאביק פושקע... די מלכות'דיגע קארעטע און פערד... און נאך...

האט זיך דארט אנגערופן איינער פון די צוהערער'ס, גראדע א יראת שמים, אבער, א "בעל הבתי'שער": כ'פארשטיי נישט וויאזוי קען זיין א רבי פון חסידים, א נשיא בישראל, וואס איז העכער און דערהויבען פון יעדעם, איינער וואס איז אויסגעטוהן פון די וועלט, ער זאל זיין פארנומען מיט גשמיות'דיגע ענינים?... וואו קומט דאס א 'צדיק אמת' זאל זיך צוטוהן מאכן מיט שיינע גאלדענע כלים און דאס גלייכן?!...

**ענטפערט אים רבי מאיר שלמה: "פעטאך"! ('שוטה' אויף רוסיש) פאר וועמען דען מיינסטו איז באשאפן געווארן "גאלד", פאר מיך?! פאר דיך?!**

**"גאלד" איז דאך לכתחלה באשאפן געווארן פאר "צדיקים"!!!!!)**

**זכותו הגדול והקדוש יגן עלינו ועל כל בית ישראל!!**

הערות והארות אפשר לשלוח bamshabbostish@gmail.com
וזאת למודעי! שלהמערכת אין שום גישה להאינטרנט ח"ו, אלא אך ורק לאימייל עם הכשר כהוראת רבותינו גדולי הדור